# משה קולבאַק

## מוניע דער פֿויגל-הענדלער און מלכּהלע זײַן ווײַב

### מוניעס טאַטע

מוניעס טאַטע, אַ ייִד מיט אַ קאָלטענעוואַטער באָרד, איז נאָך אַ מאָל, אין די וויסטע ווינטערדיקע נעכט, אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב און גרײַלעך אַרײַנגעטראַכט. ער האָט געטראַכט וועגן דעם איבערגעוואַקסענעם נפֿש זײַנעם, וואָס קיין פֿיס, נעבעך, האָט עס נישט, שאַרט זיך אַרום פֿון באַגינען אָן מיטן געזעס איבער דער קאַלטער ליימענער פּאָדלאָגע, און, – געוואַלד! – ער שטעלט אים בדלות. דער ייִד האָט גאַנצע נעכט געטראַכט און געשפּיגן און געמאַכט אין דער מאַמען אַרײַן:

– ס׳טײַטש, דער יונג עסט אים אָפּ דעם קאָפּ.

און ערשט אין תּחילת-וועסנע, ווען עס האָט אָנגעהויבן לאָזן, איז ער, אָט דער קאָלטענעוואַטער ייִד, אַרײַן אַ מאָל אין שטיבל מיט אַ באַהאַלטענער גדולה. ער האָט געבראַכט אַ באַמאַכטן שטײַג מיט פֿייגעלעך, אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש, און פֿון בוזעם האָט ער פּאַמעלעך גענומען אַרויסציען אָדעסער טויבן. פּאַמעלעך און אָפּגעהיט, ווי זיי וואָלטן דאָרטן געוואַקסן בײַ אים אונטער די פּאַכוועס. דעמאָלט האָט מוניע פּלוצעם דערשמעקט אַ מאכלדיקע וואַרעמקייט, וואָס האָט געשלאָגן פֿון די פֿויגלשע גופֿלעך, אַ געשמאַקע וואָרקערײַ און פֿײַפֿעניש אַזש ביז טרערן, און ער איז אַראָפּגעקראָכן פֿון טאַפּטשאַן אַ פֿאַרגאַנגענער און אַ צעטומלטער. ער איז שיר ניט געפֿאַלן אין חלשות. און דער צעקנאָדערטער טאַטע

זײַנער האָט אַרויסגעבורטשעט פֿון צווישן דער שטעכיקער און טויבער באָרד:

– נאַ, קלאָג מײַנער, האָדעווע און פֿאַרדין געלט!

און דערנאָך איז דער ייִד, מוניעס טאַטע, געשטאָרבן.

# מוניע

מוניע האָט געהאָדעוועט און געהאַנדלט מיט פֿייגל. דאָס דורכגעפֿוילטע שטיבל, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט אַ פּליוש און געבליט מיט גליטשיקע, וואַסערדיקע שווענלעך, האָט איצטער באַקומען אַ פּנים פֿון אַ קאַטוך. די טויבן האָבן באַשפּרענקלט די אַלטע ווענט, די אַלמערס און די טישן מיט אַ מין דינעם קאַלך. עס האָט געשמעקט מיט פּעלץ און מיט פֿויגלמיסט. און אַדורך די קליינע, בלאָטיקע שײַבלעך האָט שטענדיק, לויט איין מאָס, אַרײַנגעקוקט אַ שיטערע, קאַלטע און בלײַערנע ליכט. פֿון כּלערליי שטײַגן האָט געסווישטשעט, אַ טענצערײַ הינטער די דראָטן, און אַ קלאַפּן מיט די שנאָבלען אין פֿאַרשידענע בלעכענע דעקלעך און חפֿצים. מוניע האָט זיך אַרומגעשאַרט אויף זײַן שווערן, לעדערנעם געזעס, אַרײַנגעקראָכן אין די שטײַגן צו די טויבן, געטאַפּט, געבלאָזן אין די פֿעדערן, און אַזוי שטילערהייט צונויפֿגעפּאָרט די פֿויגל-מינים. אין קליינע שטײַגעלעך האָבן געזונגען דינע קאַנאַריקלעך, געלע ווי ציטרין. עס זײַנען אַרומגעגאַנגען איבערן שטוב טויבן באַוואַקסענע און שטאַרקע ווי הענער. און אין דער האַלב-טונקלקייט זײַנען שוין געזעסן שטענדיק קורצע פּויערימלעך מיט גראָבע קאַרטאָפֿל-נעזעלעך, פֿייגל-כאַפּער, וואָס זײַנען געקומען ערגעץ פֿון די רײַסענער נאַסע וועלדער: מיהאָט געטערכעט, געדרימלט, זיצנדיק אין די ווינקלעך אויף זעק קאַרטאָפֿל, און געפּיפּקעט פֿאַרצײַטיקע גרויסע לולקעס, ווי גאַנצע פּאַרע-מאַשינעס.

עס איז געגאַנגען שווײַגעוודיק אַ האַנדל: פֿולע גימפּעלעך, רויט-בײַכלדיקע, האָט מען געביטן אויף צעבראָכענע שטײַגלעך: טשיזיקלעך פֿון מוטנעם רומיאַנעק-קאָליר – אויף פּאַסטקעס פֿון מײַז, אויף אַלטע אָפּגעקראָכענע קאַפּעליושן, וואָס האָבן זיך שוין געוואַלגערט יאָרן אויף די ביידעמער. די פֿאַרגליווערטע, תּמעוואַטע

אויגן האָבן פּאַמעלעך אַרויסגעקוקט פֿון די גראָבע וויעס, ווי וואַסערן אונטער פֿאַרוואַקסענע קוסטעס, און אַ וואָרט האָט מען אַרויסגערעדט צו מאָל אַ פֿוילן און אַ הייזעריקן, וואָס איז אויך מער אויסגעקומען ווי אַ הוסט אָדער ווי אַ קרעכץ.

מוניע האָט זיך אומעטום אַרומגעשאַרט, צוגעפּאַטשט אין אַ קאַלטער הונדערטיאָריקער האַנט אַריַין, און דאָס האָט באַטיַיט, אַז ערגעץ אין אַ בֿעראָזעוון וועלדל וועט זיך מאָרגן כּאור פֿאַרקליַיבן אָט דאָס שוויַיגעוודיקע פּויערל און אַרומפּויזען דאָרטן וואָכן, ביז ער וועט ניט פּאַוואָלינקעס אַריַיננאַרן אַ ווערוויקל אין שטיַיג אַריַין, אָדער גאָר אַ ריין-פֿעדערדיקן קאַנאַריקל. מסתּמא האָט מען שוין וועגן מוניען געזונגען אין די זומפּן און אין אַלע אָפּגעלעגענע וועלדלעך פֿון ריַיסן! אַזוי עס איז געגאַנגען כּשורה.

# דאָס וויַיבל נעכע

הייסע פֿאַרגליווערטע זונען-טעג. בֿיימער, אַרויסגעשניטענע פֿון דער העלער קלאָרקייט, זיַינען געשטאַנען אָן שאָטנס. אַ צוויַיג האָט זיך ניט גערירט. אויף אַ פּלאַנקען האָט געשטוינט אַ סאָראָקע מיט אַן אָפֿענעם, שוואַרצן שנאָבל פֿון היץ. מוניע איז געזעסן אויפֿן שוועל פֿון זיַין שטוב און געוואַרט אויף אַ מענטשן. קיינער האָט זיך אָבער ניט באַוויזן אויפֿן אָנגעגליטן וועג. פֿאַר נאַכט ערשט איז געקומען צו גאַסט צו מוניען דאָס וויַיבל נעכע. זי איז אַ סעדעכע, האַנדלט אויפֿן מאַרק, אָבער, נישקשע, זי פֿאַרשטייט זיך אויף בחורישע זאַכן. די פֿייגל האָבן שפּרינגענדיק אַראָפּגעזונגען פֿון די שטיַיגן אַראָפּ. מוניע האָט זיך דעמאָלט צוגעזעצט צום טיש און געקליבן זיך הערן. דאָס וויַיבל נעכע האָט גערעדט אַרום און אַרום מיט שיינע משלים און מיט אָנצוהערענישן, אַז אַ מענטש מוז האָבן היַינטיקע ציַיטן אַ באַלעבאָסטע אין שטוב. זי, דאָס וויַיבל נעכע, האַנדלט אויך מיט עופֿות, וייסט זי, וואָס פֿאַר אַ פּראַצע דאָס איז. מוניע איז געזעסן רויט, קאָנטיק ניט ווי אַ מענטש, נאָר ווי אַ שטיק אָפּגעבראָכענער גרויער שטיין. ער האָט ניט אַ פּינטל געטאָן מיט קיין ברעם, אָבער ווי נאָר אַ דופּק האָט אין אים שטאַרק געפּויקט. און דאָס וויַיבל נעכע האָט גערעדט אַרום און אַרום מיט שיינע משלים. די פֿענצטערלעך, וואָס האָבן זיך צוגערוקט נענטער, האָבן דורכגעלאָזט אַ קילן אָפּגלאַנץ פֿון אַן אָרעמען וויַיסן זון-אונטערגאַנג, אָן פֿאַרב און

וואַרעמקייט. דעמאָלט האָט דאָס ווײַבל נעכע אים באַקוקט, האָט זיך צוגערוקט נענטער און אַרײַנגעשושקעט אים אין אויער אַזוינס, וואָס ס'האָט אים אַן עפּן געטאָן און אַרײַנגעגאָסן פֿײַער אומעטום, ווו ס'איז נאָר געבליבן אָרט.

מוניע האָט געשוויגן, אָבער יענע נאַכט איז ער פּאַוואָלינקעס אַרײַנגעקראָכן צו די טויבן אין שטײַג און איז אָפּגעזעסן ביז באַגינען מיט אָפֿענע אויגן. ער האָט געטראַכט. אין דער פֿרי האָבן די קאַנאַריקלעך געזונגען שענער, און מוניע האָט זיך אײַנגעוואַשן אין אַ שיסל. ער האָט צעקעמט די שוואַרצע פּאַטליע, פֿאַרדרייט אַ וואָנץ און צוגעזעצט זיך בײַ דער אָפֿענער טיר. עס איז שוין געווען האַלבער טאָג און דאָס ווײַבל נעכע איז ניט פֿאַרבײַגעגאַנגען. און אין שטיבל האָבן שוין געדרימלט די ליימענע פּויערמלעך, ווי פֿאַרדראָטעוועטע אַלטע טעפּ, געהאַלטן די שטײַגעלעך אויף די קניען, עובֿר-בטלדיק געשטיפּט און געפּלאַפּלט מיט די פֿריילעכע פֿייגעלעך. און מוניע איז דאָך געווען אויפֿגעראַמט, ער האָט אַפֿילו צוגעפּײַפּט ווי אַ פֿייגעלע, און דערנאָך האָט ער אַרויסגערוקט דעם גאָרגל און געגעבן אַ באַסאָוון זונג אויך, אָבער ער האָט ניט געקענט זינגען.

פֿאַר נאַכט האָבן זיך אויסגעצויגן איבער די ווענט גראָבע שאָטנס. אַ קליין פּויערל, אַלט ווי די וועלט, איז געבליבן בײַ מוניען נעכטיקן. געבראַכט האָט דאָס פּויערל פֿון זײַן ווײַטן דאָרף אַ וואָראָנע, וואָס האָט פֿופֿציק יאָר אַליין געהאָדעוועט. איצט איז ער געשטאַנען אָנגעלענט אויף זײַנע צוויי שטעקעלעך און גערעדט צו די פֿייגל. מוניע האָט זיך אַרומגעשאַרט אַ צעטומלטער איבערן שטוב, געריבן זיך דעם שטערן, וואָרעם דאָרטן האָבן זיך גראָד איצט געפֿונען וויכטיקע געדאַנקען, און אַז דאָס פּויערל איז נאָר געבליבן שטיל אַ רגע, האָט ער אים צוגעווונקען מיט אַ פֿינגער. מוניע האָט אים דעמאָלט אַרײַנגעשריגן אין דעם שמוציק-פֿאַרוואָקסענעם אויערל אַרײַן:

– צי איז מאָזשליוויע, אַז אונדזערער איינער זאָל נעמען אַ באָבע אין שטוב, האַ?

– מאָזשנאָ, טשאַמו ניע מאָזשנאָ?...

האָט דאָס פּויערל אַרויסגעהיקעט אויף אַ בײַ-קעלכל ערגעץ פֿון דער פּלייצע אַרויס. דערנאָך האָט זיך אים, דעם פּויערל, געוואָלט לאַכן

אויך, אָבער ס׳איז פֿון דעם גאָרנישט נישט אַרויסגעקומען. ער האָט אויסגעזען, ווי אַן אַלט אײַנגעפֿאַלן שטעלכל, ווו דער ווינט בלאָזט און קלאַפּט מיט די צוגעטריקנטע שינדלען און ברעטלעך. די פֿייגל האָט שוין געשלעפּערט, און דאָס פּוערל, וואָס איז געווען בלויז צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי זײַן וואָראָנע, האָט נאָך אַרומגעבלאָנקעט, געהעטשקעט זיך, געבעבעט, ביז ער האָט אויך אײַנגעדרימלט ערגעץ אויף אַ זאַק קאַרטאָפֿל. אַזוי האָבן דאָרטן אין דעם טונקעלן שטיבל געשלאָפֿן בײַ אַ פֿינף הונדערט לעבעדיקע נפֿשות.

אין דער פֿרי איז געקומען צו גיין דאָס ווײַבל נעכע.

מחמת דעם, וואָס מען קען נישט רירן די פֿייגל, וועט מען די שטוב ניט קאַלכן. מוניע אָבער מוז לאָזן אַרויסהענגען אַ וויוועסקע, די כּלה מלכּהלע דאַרף דאָך ויסן מיט וועמען זי טוט! וואָס האָסטו, מוניע, אין קופֿערט? דאָס ווײַבל נעכע האָט אַרומגעשמײַעט איבערן שטוב, אַרײַנגעקוקט אומעטום, פֿונאַנדערגעעפֿנט די פֿענצטערלעך, דערנאָך האָט זי בריהש פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און גענומען זיך אַליין צום וויעכעטש ; געשײַערט די בענק, געשפּריצט פֿון אַ פֿולן מויל וואַסער, געקלאַפּט אין די קישנס אַרײַן, און פּלוצלינג האָט זי געכאַפּט דעם קאָשיק אירן און איז נעלם געוואָרן.

דאָס ווײַבל נעכע איז נישט געוואָרן, ווי אַ ווינט.

מוניע איז צוגעקראָכן צום באַשלאָגענעם גרינעם קופֿערט און מיט אַ לאַנגן שליסל, וואָס איז אים געהאַנגען אויפֿן הוילן לײַב, האָט ער פּאַוואָליע אָפּגעעפֿנט דעם שווערן דעמבענעם צודעק. דאָרטן האָט זיך געפֿונען מוניעס האָב: די שטאַרק ציכטיקע העמדער מיט פּויעריש אויסגעהאַפּטענע קראַגעלעך, פֿאַרביק-בלומיקע שניפּסן, כּלערליי רעק און וועסטלעך, – און סאַמע בײַם דעק קופֿערט – אַ געפּרעסטע פּאָר הויזן און אַפֿילו אַ פּאָר נײַע לאַקירענע שיך. עס איז קיינער ניט געווען אין שטוב דעמאָלט, ווען ער האָט קוים אַ קלאַפּ געטאָן אין די איידעלע פּאָדעשוועס, ווי מען קלאַפּט אָן אין ליימענעם טאָפּ. עס איז קיינער ניט געווען אין שטוב. אָ, קיינער האָט זיך אויך שפּעטער ניט אומגעקוקט אויף מוניען, ווען ער איז פֿאַרנאַכטלעך, מיט דעם העמד אונטערן אָרעם, געקראָכן פֿון באָד אַהיים אַ

ראָזעווער און אַ דורכגעפּאַרעטער, ווי אַ געבאַקענער עפּל. קיינער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף מוניען.

דאָס ווײַבל נעכע האָט געהאָלפֿן מוניען אויסבינדן דעם רויטן, פֿײַערדיקן שניפּס. דער פֿאַרנאַכט איז געווען אַ ווײַסער. דאָרטן, וווּ די זון האָט געזאָלט פֿאַרגיין איז געשטאַנען אַ ליידיקע ווײסטקייט. הוילע וואָלקנדיקע דורכגענג, שטאַרק אָפּגעקראָכענע, ווי רישטאָוואַניעס אַרום אַ בנין, וואָס איז קיין מאָל ניט געבויט געוואָרן. די צוויי פֿענסטערלעך זײַנען איצטער געהאַנגען אויפֿן שטיבל, ווי אַ פּאָר שפּאַקולן, וואָס זען סײַ ווי גאָרניט. עס האָט אָבער געברענט אַ לאָמפּ, און דאָס ווײַבל נעכע האָט געהאָלפֿן מוניען אויסבינדן דעם רויטן פֿײַערדיקן שניפּס. פֿון טיש האָט אַראָפּגעלויכטן אַ קיל טישטעך, ווי שניי. דער סאַמאָוואַר האָט זיך געבולבעט. שטאַרק קלאָרע גלעזער מיט אַ ברוינעם שמעקעדיקן טיי האָבן אַרײַנגעבראַכט דעם גרויען יום-טובֿ אין שטוב; און אין די אויסגעצוואָגענע שטײַגן איז אויך געווען גרויע שטילקייט. מוניע האָט געדרייט דעם שוואַרצן וואָנץ. אַרום שטוב האָט געפּאַדיעט דאָס ווײַבל נעכע, אַרײַן און אַרויס, צי זעט זיך שוין ניט ווי די שוואַרץ-חנעוודיקע כּלה מלכּהלע? דער לאָמפּ האָט לאַנג געברענט, און מוניעס שניפּס האָט געלויכטן מיט זיבן פֿײַערן. דעמאָלט האָט נעכע פּאָמעלעך און מיט אַ טיפֿן בוק געעפֿנט די טיר פֿאַר דער כּלה. זי איז פּאַוואָלינקעס אַרײַן און געשוויגן – געשוויגן. איז דאָ דאָס אָרט צו באַוווּנדערן די קלוגשאַפֿט פֿון דעם ווײַבל נעכע, וואָס האָט תּיכּף גערעדט און זיך גענומען צום האַרצן דעם שאַרפֿן יקרות אין שטאָט, וואָרעם – זאָל איר צו קיין גנאי ניט זײַן – די כּלה מלכּהלע איז תּחילת געוואָרן גאָר צעמישט, ניט אַוועקגעשטעלט אַפֿילו דאָס שירעמל אין ווינקל, ווי עס פֿירט זיך אומעטום. מוניע האָט אונטערגעהוסטלט, מעשׂה מאַנצביל, געגלאָצט און געהויבן דעם רימען אַרום בויך, ווי ער וואָלט אַ שטייגער געטראָגן טאַקע הויזן. נאָך דעם האָט זיך אָבער מלכּהלע צערעדט. ווי דאָס ווײַבל נעכע פֿאַרזיכערט, האָבן זיך איר דעמאָלט געשאָטן פּערל פֿון מויל. און ער, מוניע, איז געזעסן אָנגעלענט אויפֿן האַנט, געהערט און אָנגעקוואָלן. דערנאָך האָט זי אַזוי געזאָגט:

– מוניע, דו וועסט קיין חרטה ניט האָבן, וואָרעם, אַז מלכּהלע וויל – ברענט בײַ איר אונטער די הענט...

אַזוי אַרום איז קלאָר געוואָרן, אַז מלכּהלע וועט זײַן אַ גוטע באַלעבאָסטע אין שטוב, ער איז געזעסן שטום מיט אַ שאַרפֿער פֿרייד אין האַרצן און געוואַרט. שפּעטער צו איז דאָס ווײַבל נעכע אַוועקגעגאַנגען און מלכּהלע האָט ערשט דעמאָלט גערעדט וועגן דעם שיינעם פּיר פֿון מענטשן, אויסגעמוסרט מוניען, וואָס ער נעמט ניט אַ גלעזל טיי אין דער פֿרי, אויפֿן ניכטערן האַרצן, און דערנאָך האָט זי זיך אַפּילו אויפֿגעהויבן פֿון אָרט און אָנגעוויזן מיטן פֿינגער, ווו זי וועט אַלץ אויסשטעלן די חפֿצים אין שטוב. אַוודאי איז עס אַ גלײַכע זאַך! עס האָט שוין געשאַריעט אויף טאָג. מלכּהלע האָט זיך צוגעזעצט סאַמע לעם מוניען און פּלוצעם האָט זי אים אַ קניפּ געטאָן, דעם חתן אירן, פּונקט אונטערן פּאַכווע און געזאָגט:

– מונינקע, געדענק מײַן וואָרט, דו וועסט ווערן בײַ מיר אַ מענטש...

אַזוי אַרום איז אים קלאָר געוואָרן, אַז מלכּהלע איז אים שטאַרק איבערגעגעבן, דאָס האַרץ האָט אין אים גענומען צאַפּלען פֿון התפּעלות, ער האָט זיך אַזש צוגעטוליעט צו איר, און שטילערהייט, שוין אַ פֿאַרחלשטער, האָט ער אָנגעהויבן חלומען:

– מלכּהלע, דו וועסט מיר קאָכן בולבעס מיט פּלעצלעך... שמאַלץ-הערינג קויפֿסטו בײַ דער חנה-דבֿורקעס...

און זיי האָבן זיך שוין געקושט אויכעט. אין דער האַלב-חושכניש האָט זיך דעמאָלט אויפֿגעכאַפּט דער אַלטער טשיזיק, אַ טרייסל געטאָן מיטן וואַרעמען ראָמאַשקע-פּעלצל און פּאַוואָליע אַ פֿײַף געטאָן צו דער זון, וואָס האָט שוין קוים-קוים אָפּגעשפּריצט די שײַבלעך מיט ראָזעווון טוי. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ טשוכעניש אין די שטײַגן און אַן אומקלאָרע טונקעלע ברומערײַ פֿון טויבן אין אַלע שאָטנדיקע ווינקלעך. דער קאַנאַריק האָט זיך אַרויסגעטיילט מיטן גילדערנעם פֿײַפֿיאָל.

## מוניע און מלכּהלע

דאָס איבערגעפֿוילטע שטיבל האָט זיך גענעצט אין די יעסיענדיקע נודנע רעגנס. דער דאַך האָט זיך, ווי אַ שטיק נאַסער זומפּ, אַראָפּגערוקט צו דער ערד און אַ צעקרישלטער פֿונאַנדערגעלייגטער קוימען האָט דאָרטן געטשאַדעט און געשטונקען צו דער וועלט

אַרויס. די קרומע טיר אויף איין זאַוויעסע האָט שטאַרק געסקריפּעט. און אויבן, סאַמע אונטערן דאַך, איז געהאַנגען דאָס פֿאַרנאַנטע שילדל: אויף אַ בלוי ברעטל – אַ רויטפּיסיקע טויב, מיט אַן אָפֿענעם גרינעם שנאָבל, מיט אַ געל אויג, און אונטן אויסגעצוקט מיט שוואַרצע אותיות:

## דאָ פֿאַרקויפֿט מען טויבן און אַנדערע פֿייגל.

דער ווינט האָט געשטויסן אין פּוכלעם דאַך, געצופּט די נאַסע שמאַטע פֿון אַ שויב און מיט וואַסערדיקע לאַנגע הענט אַרומגעפּאַטשט די ווענט.

מלכּהלע איז געשטאַנען בײַם אונטערגעלייגטן פּריפּעטשיק. עס איז געווען דושנע, די פֿייגל האָבן זיך געבלאָזן און צוגעקנאַקט מיט די שנאָבלען אונטער די פֿליגלעך. פּויערימלעך פֿון גאָר דער געגנט, דורכגענעצטע, אין שעפּסענע פּעלצלעך זײַנען געזעסן שטילינקע, געגלעט די וואַנצן און געטריקנט זיך. עס איז דאָ הײַנט אַרויס די נשמה פֿון אַ שוואַרצן דראָזד, איז ער געלעגן אויפֿן טיש אַ פֿאַרגליווערטער, מיט זײַנע געלע אויסגעצויגענע פֿיס און מיט אַן אָפֿענעם, מוטנעם, אויסגערונענעם אויג. מוניע האָט זיך שוין געפּאָרעט אַרום שטײַג. אַ פּויערל, הוילע ביינדעלעך, מיט אַ דינעם העלדזל, איז געשטאַנען פֿאַר אים, האָט גערעדט עפּעס צו אים, געקוואָקעט ווי אַ הון, און אין די לײַוונטענע פּלודערן האָט ער אויסגעזען, ווי אַ יעסיענדיקע טשוטשעלע אויף אַ שטעקן. מוניע האָט שטאַרק געלאַכט פֿון די מעשׂיות זײַנע, געווישט זיך מיטן אַרבל די טרערן און אַזש געהוידעט זיך אויף זײַן לעדערנעם געזעס. די וואָראָנע, אויף געזימס פֿון אויוון, האָט זיך פֿאַרשלאָפֿענערהייט אויסגעקירעוועט מיטן הינטער-חלק צום שטוב און אַ שטאַרקן שאָקל געטאָן מיטן עק; דעמאָלט האָט זיך מלכּהלע אַ כאַפּ געטאָן צום פּנים און אויסגעשריגן מלא-כּעס:

– מוניע, נעם צו דײַן וואָראָנע, זי באַמאַכט מיר די „פּריטשאָסקע“

און מלכּהלע האָט זיך אָנגעדרודלט. פּויערימלעך האָבן זיך, פֿול דרך-ארץ צו דער מוניכע, אויפֿגעהויבן פֿון די ערטער, געמאַכט מיט די הענט: אַקיש, אַקיש?

איז זי דאַן אַוועק, די וואָראָנע, שטאָלץ און געלאַסענערהייט אַהינטערן אויוון און זי האָט געזאָגט:

– איך האָב אײַך אַלעמען אין דר׳ערד!

אָבער מלכּהלע איז שוין געווען סײַ ווי אָנגעדרודלט. זי האָט ניט גערעדט, און שפּעטער צו, אַז זי איז נאָך עפּעס צוגעגאַנגען צום טיש, האָט זי געכאַפּט דעם טויטן דראָזד און אים אַ זעץ געטאָן אָן דער פּאָדלאָגע. מוניע האָט זיך צעמישט, ער איז אויף גיך צוגעקראָכן צום פֿויגל און אַרײַנגערוקט אים צו זיך אין בוזעם אַרײַן. אָבער ער האָט עס ניט געדאַרפֿט טאָן, מחמת מלכּהלע איז בלײַך געוואָרן, צוגעלאָפֿן צו אים און אַרויסגעוואָרפֿן דעם צעקוועטשטן פֿויגל אַדורכן טיר:

– עס שטינקט דאָך שוין פֿון דיר מיט נבֿלה, שיינער מאַן מאַנער!

אַזוי האָט זי געזאָגט. מוניע האָט אויף איר אויפֿגעהויבן פֿאַרשטאַרטע ברעמען, געקוקט תּמעוואַטע, אָבער ניט געענטפֿערט גאָרניט. שעפּסענע, פּויערישע אויגן האָבן אויך אַ בלאָנדזשע געטאָן איבער דער שטוב, פֿאַוואָליע נאָך דעם צוריק אויסגעלאָשן זיך אונטער די דיקע קאָלטענעוואַטע וויעס. עס איז געווען האַרבסט.

עס איז געווען האַרבסט. כמאַרנע ליכטיקייט אין מוניעס שטיבל. די קרומע יעסיענדיקע רעגנס האָבן געגעצט און דורכגעטאָטשעט די לעצטע שפּורן פֿרייד. ערגעץ ווו אויף אַ שטעכיק-מוטנעם פֿעלד האָט אָפּגעקלונגען אַ מעשענער בוים. שמוציקע נעפּלען זײַנען געהאַנגען איבער די דעכער, ווי צעפּליקטע שטיקער קאָדער.

עס איז געווען האַרבסט.

אָוונט האָבן זיך געצויגן שיטערע און אומעטיקע, אָן שטערן, די אָרעמסטע אָוונטן פֿון דער וועלט. מוניע איז אַלץ געזעסן בײַם טיש און געשיילט די בולבעס מיט פּעלצלעך. דאָס לעמפּל האָט גערייכערט. מלכּהלע וואָלט גראָד אין אַזוינע לאַנגע נעכט פֿאַרצירעוועט מוניעס אַ זאַק, זי זיצט אָבער פֿאַרלייגט די הענט און דרעמלט און דרעמלט; אַ נאַסער ווינט מײַסטרעוועט מיט לויזע וואַסערן, ער שלעפּט דינע שטראָמען, דעקן און שמירט די ווענט.

עס איז האַרבסט. מוניע זיצט אין אַ לאַנגן אָנסופֿיקן אָוונט און ער דערהערט פּלוצעם סאַמע הינטערן פֿענצטער אַ פֿײַף. מע האָט דאָרטן אַרײַנגעלייגט פֿינגער אין מויל און אַרײַנגעפֿײַפֿט אים סאַמע אין אויער אַרײַן. מלכּהלע האָט זיך טאַקע אויפֿגעטשוכעט, געכאַפּט די פּאַטשיילע, און מוניע האָט געפֿרעגט:

– מלכּהלע, ווער פֿײַפֿט עס?

– זע אויף אים, זע – האָט מלכּהלע געזאָגט – עס איז דאָך זיסקע חנה-דאָבֿקעס?

מוניע האָט אַ בסיל פֿאַרדראָסן, וואָס ער האָט ניט געקענט לויטן פֿײַף דערקענען זיסקע חנה-דאָבֿקעס, אָבער עס האָט אים געאַרט און ער האָט ווײַטער געפֿרעגט:

– ווער איז דער זיסקע חנה-דאָבֿקעס, מלכּהלע?

– זע, קוק אים נאָר אָן, ס'איז דאָך זיסקע פֿונעם ברודער-פֿאַראיין...

און זי איז שוין געווען העט אויף יענער זײַט טיר. מוניע האָט זיך געקראַצט דעם קאָפּ און געשאָלטן די וועלט, דערנאָך האָט ער אין דער פֿינצטער זיך אַליין געשלאָגן מיט די פֿויסטן אין האַרצן. אַרום שטוב איז געווען שטיל – מלכּהלע, הייסט עס, האָט זיך טאַקע אַוועקגעשלעפּט מיט זיסקע דעם גנבֿ. דער רעגן האָט געקלאַפּט טראָפּנווײַז ערגעץ אין אַן אונטערגעשטעלטן עמער.

יענע נאַכט איז ער אַרײַנגעקראָכן אין בעט, איבערגעדעקט זיך מיט דער קאָלדרע און אָפּגעלעגן ביז באַגינען מיט אָפֿענע אויגן. פֿאַר טאָג האָט פּאַוואָליע אַ סקריפּ געטאָן די טיר. זי איז געקומען, מלכּהלע, אַראָפּגעוואָרפֿן אויף גיך דאָס קליידל, שטילערהייט אַרײַן אין בעט און אויפֿן אָרט אַנטשלאָפֿן געוואָרן. מוניע איז געלעגן בײַ דער וואַנט אָן אַן אָטעם און מורא געהאַט אַ ריר צו טאָן מיט אַן אבֿר. אַזוי האָט עס אים וויי געטאָן. אין דער פֿרי האָט אָבער מלכּהלע באַוויזן בריהשאַפֿט; דער אויוון-אונטערגעהייצט, אויף טיש האָט געשלאָגן אַ פּאַרע פֿון קאַרטאָפֿלן, די פֿייגל האָבן שפּרינגענדיק איבער די אַנדערע געזופּט קלאָרן וואַסער, און מלכּהלע אַליין האָט געזונגען גאָר שיינע לידער.

– דעמאָלט האָט מוניע גנבֿתדיק געטראַכט:

– ביַי מלכּהלע ברענט טאַקע אונטער די הענט, אָבער זי דאַרף זיך דאָך ניט אַרומשלעפּן מיט אַנדערע, ווי?

# זיסקע חנה-דאָבֿקעס

פֿוירימלעך האָבן זיך די אויסגעקראָכענע בערד און אין די טיזליקעס געטראָגן קעלט פֿון יאַדלאָווע וועלדער. אין שטיבל האָט מען געהאַנדלט מיט פֿאַרשפּעטיקטע פֿייגל. משוגענע בלאָ-פֿייגעלעך האָבן זיך געשטופּט אַדורך די שטייַגן, געקוליעט זיך איבער די דראַטן; ראָזעווע בייַכעלעך פֿון גימפּעלעך ווי אָנגעגאָסענע פּאָזימקעס, האָבן געשמעקט מיט זומפּ און מיט פֿייַכטקייט, און ווינטן האָבן זיך צו מאָל אַרייַנגעכאַפּט אין שטיבל, ווינטן אָנגעטרונקענע מיט ווייַניקע ריחות פֿון גרויע עפּל אין די סעדער. עס האָט זיך פֿון די נעפּלען אַרויס אַרויסגעשיילט אַ שטאַרקער, בלוטיקער האַרבסט, וואָס האָט געצונדן דעם געגנט אין ווייַניק-שמעקעדיקע פֿייַערן און געקלונגען ווייַט מיט זייַנע וואַסערדיקע ווינטן איבער אַיעדן דינעם שפּיגלדיקן וואַסערל.

וואָס זאָל אָבער מוניע טאָן אין אָט דעם שיכּורן האַרבסט, אַז מלכּהלע זייַן ווייַב גייט אים שוין אַוועק כּמעט יעדן אָוונט? ער ליגט אָפּעט די הילכיקע נעכט, ווי אַ הונט אין דער נאָרע, האָרכט זיך צו די ווייַטע טריט אַרום זייַן שטוב, האַלט איַין דעם אָטעם אונטער דער קאָלדרע און וואַרט, און ערשט אין די פֿרעסטלדיקע, זילבערלעכע פֿרימאָרגנס קריכט ער אַרויס אויפֿן הויף צום ברונעם, גיסט זיך אָפּ מיטן קאַלטן וואַסער און טשוכעט זיך פּאַוואָליע אויס פֿון דער בייַנאַכטיקער וויסטקייט. אַזוי האָט מוניע געלעבט, און איין מאָל האָט אים מלכּהלע אַזוי געזאָגט:

– איך וועל דיר זאָגן דעם אמת... מוניע, איכ'ל דיר זאָגן דעם אמת – זיסקע שעמט זיך אַרייַנצוגיין...

דעמאָלט האָט מוניע אַראָפּגעלאָזט די אויגן, שטאַרק אַ טראַכט געטאָן און געענטפֿערט:

– וואָס איז די שאַנדע?... איך בין דאָך ניט קיין בער...

און באַלד נאָך דעם האָט זי אים אַרײַנגעפֿירט, דעם שעמעוודיקן זיסקע חנה-דאָבֿקעס. ער האָט זיך אַרײַנגעהוידעט אויף אַ פּאָר גלאַנציקע שטיוול, אַ נידעריקער מיט אַ רויטן קאַרק, און אַזוי הוידענדיק זיך אַרײַנגערוקט מוניען אַ קאַלטע קצבֿישע האַנט:

– וואָס מאַכסטו, מוניע?

מוניע האָט געהאַלטן די שווערע האַנט, ווי אַ גאַנצן געטרייבערטן זאַדיק, און ביסלעכווײַז געבעבעט:

– נישקשה, מע לעבט – – –

– וואָס מאַכן דײַנע צוקראָווקעס?

– אַ דאַנק פֿאַרן פֿרעגן.

און דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, זיסקע, אויסגעצויגן בהרחבֿה די פֿיס איבערן שטוב, געפּאַטשט זיך איבערן שטאַרקן קאַרק און פֿון הינטן אַרום גערוקט דאָס היטל אַריבער די אויגן, ווי ער וואָלט זיך געזשמורעט פֿון זון. ער האָט שוין גערעדט בלויז צו מלכּהלע. מוניע איז שטילערהייט אַוועק צו די טויבן. מוניע איט אַוועק. ווײַל עס איז פּאַמעלעך קלאָר געוואָרן, אַז ער איז שוין דאָ אַ ביסל איבעריק, ווי ס׳איז אויך איבעריק געוואָרן, איצטער, אין דעם לילאָוון האַרבסט, דער פֿאַרשפּעטיקטער געזאַנג פֿון אַ פֿויגל ערגעץ אין אַ זײַטיקן שטײַג. די צוויי פֿענצטערלעך, וואָס האָבן תּמיד אַרײַנגעזיפּט בלויז שיטערן בלײַערנעם ליכט, האָבן איצט דורכגעלאָזן דעם ווייניקן שײַן פֿון אַ שקיעה אויף די פֿעלדער. אָדער דאָס איז געווען דער אָפּגלאַנץ פֿון אים, פֿונעם רויט-אָדערדיקן יעסען, וואָס האָט אַרומגעטאָפּטשעט און געקלונגען מיט די קופּערנע פֿיס איבער די אַלע שליאַכן.

מלכּהלע האָט שוין יענע נאַכט אויסגעבעטן מוניען אויפֿן טאַפּטשאַן אונטערן פֿענצטערל. ער האָט זיך באמת אַ ביסל געשעמט, מוניע, ווען ער איז נאָך דעם געקראָכן אויפֿן באַנק זיך לייגן שלאָפֿן מעשׂה בחור. ער האָט זיך אַ ביסל געשעמט. און דערנאָך איז ער אין די פֿינצטערע נעכט געלעגן און זיך שטאַרק צוגעהאָרכט, וואָס איז דאָ, אייגנטלעך, מלכּהלע אויסן. בײַ נאַכט איז דעמאָלט קיינער ניט

געקומען. מלכּהלע איז בלויז געשלאָפֿן אומרויִק און אַ מאָל האָט זי אויך ווילד געשריגן פֿון שלאָף, אַז מוניע האָט שוין געמוזט אַראָפּקריכן און זי אויוועקן.

עס האָבן זיך אַזוי געצויגן די נעכט פֿאַרשאָלטענע און אויסגערונענע, ווי ס'וואָלט דער דופֿק אויפֿגעהערט פֿון דער וועלט. מוניע האָט געמאַרודזיעט, געלייגט זיך שפּעט שלאָפֿן, אַז זיסקע זאָל שוין האָבן אַוועקגעגאַנגען, אָבער זיסקע איז געקומען ניט ווען מ'האָט אויף אים געוואַרט. ער האָט זיך אין מיטן נאַכט אַרייַנגעריסן אַ צעיושעטער, געוואַלדעוועט ווי אַ גוי, און מיט מלכּהלע אויף די קני האָט מען דעמאָלט געשיכּורט, געלאַכט און אַפּילו זיך געקושט. מוניע האָט געשוויגן. און פּלוצעם האָט זיסקע דעמאָלט אַ בלאָז געטאָן אין לאָמפּ, און מיט אַ געלעכטער זײַנען זיי ביידע אַרײַנגעפֿאַלן אין דעם בעט אַרײַן. מוניע האָט זיך פֿון שרעק קוים אויפֿגעהויבן אויפֿן געלעגער, געשטיקט זיך און מיט אַ וויינענדיק כּל געפֿרעגט אין דער פֿינצטער:

– וואָס טוט איר דאָרטן, האַ?

דער געלעכטער האָט זיך תּיכּף אָפּגעהאַקט, און נאָך דעם ערשט האָט זיך אַרויסגעשניטן זיסקעס שאַרף קול, ווי אַ בלאַנקער שינדמעסער ערגעץ פֿון אַ כאָליעווע:

– זײַ רויִק, ברודער, איכ'ל דיר די סמעטענע ניט אַראָפּנעמען...

און לאַנג האָט זיך שפּעטער אין דער חושכניש געטראָגן אַ הייסע שושקערײַ, געשיפּעט ווי אַ שלאַנג אָט דאָ אין דער נאַכט, וואָס איז געלעגן פֿאַרגליווערט דאָ איבערן שטוב, שטום און אָנגעגליט, ווי אַ פֿאַרבלעזלטער הייסער אײַזן. מוניע האָט זיך אַרײַנגעדריקט אין וואַנט אַרײַן, פֿאַרשטעקט די אויערן און איז אויך פֿאַרגליווערט געוואָרן, אָפּגעלעגן שעהען קאַלט און שטײַף, ווי אַ פֿאַרהאַרטעוועטער ליים. ער האָט געבעטן אויף טאָג. און ערשט בײַם אָנברוך פֿון באַגינען איז ער אַראָפּגעקראָכן. שמוציקע ליכטיקייט האָט פֿײַכט אַראָפּגעטריפּט פֿון די שײַבלעך און זיך אויסגעמישט מיט די שאָטנס אַרום די ווענט. די וואָראָנע אויפֿן אויוון האָט עפּעס אַ מאַך געטאָן מיט די האַרטע פֿליגל און איז שווײַגעוודיק אַוועק אַרום געזימס. דאָס ליידיקע פֿלעשל האָט זיך געוואַלגערט אויף דער

פּאָדלאָגע. און אין בעט בײַם וואַנט איז געלעגן זיסקע מיט אַ פֿאַרקאַטשעטן אָרעם אונטערן קאָפּ, ווי אַ דוע, געכראָפּעט און צוגעפֿײַפֿט מיט אַ דינעם פֿײַפֿעלע, און מלכּהלע האָט זיך געטשוכעט, אויפֿגעהויבן זיך, געריבן די אויגן, און אַז זי האָט דערזען ווײַט אין ווינקעלע מוניען, האָט זי אַ גענעץ געטאָן:

– מוניע, זײַ אַזוי גוט, דערלאַנג מיר אַ טרונק וואַסער.

ער האָט געבראַכט וואַסער. מלכּהלע האָט דאָרשטיק אויסגעטרונקען, אָפּגעגעבן דאָס קענדל און זיך איבערגעקערט אויף דער אַנדערער זײַט. די פֿענצטערלעך האָבן געגרויט, ווי אַ קילער פֿאַרלאָפֿענער שטאָל. ס'איז געשטאַנען אין שטיבל אַן אָפּגעקראָכענער באַגין. מוניע האָט זיך צוגעשאַרט צו דער גרויסער דראָטענער שטײַג, פּאַוואָליע אָפּגעעפֿנט דאָס טירל, און אַזוי אַרײַנגעקראָכן אַהין, צו די וואַרעמע טויבן. די אויפֿגעשראָקענע פֿייגל האָבן אַ פּאַטש געטאָן מיט די פֿליגל, זיך אויפֿגעהויבן, אָבער באַלד צוריק אַראָפּגעלאָזן זיך אויף די דרענגלעך און דראָטן, צונויפֿגעטוליעט זיך פּאָרווײַז אַרום אים און ווידער אײַנגעדרימלט. מוניע האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט די הענט אויף דר'ערד און איז שוין אַזוי פֿאַרשטאַרט געוואָרן, ניט ווי אַ מענטש, נאָר ווי אַ שטיק אָפּגעבראָכענער גרויער שטיין.

---

באַאַרבעט און צוגעגרייט פֿון דינה מאַטוט, נח מילער, לעאָנאַרד פּראַגער
רפֿאל פֿינקל און אבֿרהם ברוך בערקאָוויץ

Copyright © 2001 Noyekh Miller and Leonard Prager
All Rights Reserved